## דער זיבעטער ״אָדזיאַל״ אויף טשיסטע

דאָ שלאָגט מען נישט מיט בייטשן,
הערצער שלאָגן
און לאָזן נישט אויפגיין פריילעך
די פאַרטאָגן.

און פאַרנאַכטן מיט רויטע געשוואָלענע פיס
גייען אומגליקלעך, און אַליין,
גייען אין לייבער אַריין,
און לייזן זיך אויף אין געוויין.

דאָ האָרכט מען גאַנצע נעכט: עס קוילערן זיך די הימלען,
און מ׳טראַכט: „מיר וועלן פון אינעווייניק זיין פאַרברענט
און ליגן אומגעוואָרפן וויביימער פון א דונער:
מיניח-וביח וועט די וועלט אונדז אַרויספאַלן פון די הענט״ —

לאָזטו זיך נישט און כאַפּסט זיך אָן ביי די פאַלדן
פונעם לעבן, און שיילסט שנעל פון א פּאָמעראַנץ די הויט;
נאָר ס׳מעסערל פאַלט דיר אַרויס, ווייל פּלוצטאַלבן
האָסטו דערזען: דיינע פינגער זענען טויט.

דאָ ווערן די געציילטע טעג
מיט שטורמווינטן אָפּגעשלאָסן,
אָדער זיי פאַלן אָן עכאָ אַוועק,
ווי די טרער פון אַ קינד אויסגעגאָסן: —

אַמאָל וועקט מען זיך אויף מיט פּחדים: — היינט איז אַ שׂרפה אין שטעטל:

ביי דעם 20-טען, 18-טען און 40-טען בעטל

הילכן דראָענדיק די פּולסן — שווערע, שלעכט-בשורהנע גלאָקן.

און אַמאָל זיצן אויף אַ פּוס-בענקעלע ביי דר׳ערד דיין שכנ׳ס אַלע יאָרן,
זענען בלייך און פאַרשעמט זיך מודה: „מיר זענען חרוב געוואָרן״,
דיין שכנס האַרץ שפּרייזט קוים, שוואַך, ווי אַ שפּרייז תשעה-באב אין זאָקן.

טראַכטן דאָ מענטשן: אפשר ווי אַ גאָלדענער עוף
וועלן מיר אַרויספליען ערגעץ ווייל סוף-כל-סוף
ווערן דאָך צעבראָכן אַלע ווענט, אַלע ווענט,
אפשר וועלן מיר בלויקייט זיין אין פירמאַמענט,
אויב ס׳ווערן צעבראָכן אַלע ווענט, אַלע ווענט
וועלן מיר פריי זיין, און פריי איז דער, ווער ס׳דערקענט
די שטים וואָס שרייט אין שטאָט און אין טייך,
אין וואַלד און אין ציגל, אין ראַדיאָ און אין ווינט:
„איר זענט מיינע אויף שפּעטער און איר זענט מיינע אַצינד״...

לעבן דאָ מענטשן און אויף זייער קאָפּ און אָרעם
האָט זיך שאָטן-שפּראַך מוראדיק פאַרשריבן:
„ווער רייסט, ווי יאַגדעס, די גרעסטע צאָל נפטרים?
די צווייטע אָפּטיילונג רייסט און די אָפּטיילונג זיבן״.

לעבן זיי און ווייסן: סוף כל סוף
פאַלן איין אַלע ווענט, אַלע ווענט,
און עס עפנט ברייט זיך פונאַנדער דער טויער...

- -----------------------------------------------------

און אָפּט שלאָפּט ווער פון זיי איין שטיל — שטיל, ווי דער טרויער
פון א פאַרוואָגלטע נשמה שלאָפט איין אויף די הענט
פון אַ צדיק.

-----------------------------------------------------------------

הײַנט
27, נומ׳ 107, מײַ 11, **1934**, ז׳5